בעזהשי"ת

גליון

# לא יסור שבט מיהודה

פניני תורה וחסידות, פניני מנהג והלכה, סיפורים בהמשכים וסיפורי צדיקים
בשילוב תולדות וקורות דברי ימי רבוה"ק מסטרעטין זללה"ה

מתוך ספר התולדות "לא יסור שבט מיהודה - סטרעטין" הנמצא בשלבי העריכה שיצא לאור אי"ה ברוב פאר והדר בעתו ובזמנו בעזהשי"ת

**גליון שע"ג - שנה ח' - פרשת ויחי – שבת חזק – חודש טבת - שנת תשפ"ה לפ"ק**

**זמנים לש"ק פרשת ויחי: הדלק"נ: 4:32 עלות השחר: 6:06 נץ החמה: 7:19 סו"ז קר"ש: 9:41\9:05 חצות: 12:05 שקיעה: 4:51 זמן ר"ת: 6:04**

**הזמנים הם לפי אופק לעיקוואד יצ"ו**

## אמרות טהורות

**וישם את אפרים לפני מנשה. ויוסף אמר לא כן אבי.**

**בשם הה"ק הרי"מ מגור זצללה"ה** אמר המחלוקת של יעקב ויוסף בזה הי' בסור מרע ועשה טוב באיזה מהן ינהג האדם תחילה כי מנשה הוא ע"ש נשני א' את כל עמלי וזה סור מרע, ואפרים הוא ע"ש כי הפרני א' בארץ עניי וזה עשה טוב.

ויוסף רצה שישים מנשה לפני אפרים להראות שמתחילה צריך להיות סור מרע ואח"כ יוכל להיות עשה טוב. ויעקב לא רצה כן רק וישם את אפרים לפני מנשה להיות מתחלה עשה טוב ע"כ.

שיח שרפי קודש.

**ויאמר האספו ואגידה לכם.**

בשנת תרפ"ו פ' ויחי הייתי בסקערניעוויץ ובש"ק בבוקר בעת הקידוש שאל אותי אדומו"ר הקדוש זי"ע אם אני ביחד והתחברות עם אנשים?

ואמר לי האספו הוא לשון אפס ואין, היינו כשהאדם הוא בעיניו אפס ואין אז יכול לבוא לואגידה לכם לאחדות ואהבת רעים עכ"ל הקדוש זי"ע

שיח שרפי קודש.

## פניני מנהג והלכה

### ענין נתינת צדקה קודם הדלקת נרות – ה'

**המשך עניני תפלה ליד הנרות:**

על כן הזמן גרמא שהאשה תתפלל בעת נתינת צדקה על הבנים שיגדלו בתורה וביראת שמים וכן מביא רבינו יונה באגרת התשובה בזה הלשון:

**כשהיא נותנת צדקה תתפלל באותה שעה בידים נקיות שיהיו בניה יראי שמים ומצליחים בתורה ובמצות מפני שתפלתו של אדם נשמעת בשעה שהיא עושה מצוה.**

המשך עניני נתינת צדקה קודם הדלקת נרות של שבת - בשבוע הבעל"ט

ברכת מזלא טבא וגדיא יאה למע"כ

**הרבנית מסטרעטין תליט"א**

לרגל השמחה הכפולה שבמעונה אצל חתנה

**הגה"צ רבי יודא נח וינברג אבד"ק סלונים בארה"ב שליט"א**

ולבנו מוה"ר ר' מרדכי צבי שיחי'

ולבנו מוה"ר ר' שלמה חיים שיחי'

לרגל שמחת שמחת הבר מצוה של בנם יקירם – אברהם משה ני"ו וישראל דוד ני"ו

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**

יזכו ההורים שיחי' לגדלה ולחנכה לתורה חופה ולמעשים טובים, ויזכו לראות הרבה נחת דקדושה מכל יוצ"ח לתפארת רבותינו ואבותינו הק' נבג"מ מתוך הרחבת הדעת וישוב הדעת, ומתוך עושר ואושר שפע ברכה והצלחה וכטו"ס אכי"ר. המערכת

**ארץ אשר ה' אלוקיך דורש אותה תמיד עיני ה' אלוקיך בה מרשית שנה ועד אחרית שנה**

השתדלו והרבו בתחינה ובקשה עבור אחינו בני ישראל הנמצאים בארצינו הקדושה – הקדושים יליצו בעד החיים שישארו בשלימות הבריאות ברוח ובגשם בלי שום מכשול. המקום ירחם עליהם ויוציאם מצרה לרווחה ומאפילה לאור גדול ומשעיבוד לגאולה השתא בעגלא ובזמן קריב ונאמר אמן!

**כוס תנחומין**

**למשפחת אדמו"ר מוויזניץ שליט"א**

איתן מושבו בק"ק מאנסי

**עם הילקח מהם עטרת ראשם**

הרבנית הצדקנית **מרת מרים ע"ה**

**בת הגה"צ הרב אלעזר מייזליש**

**מאיהעל זיע"א**

המקום ינחם את כל המשפחה הרוממה בתוך שאר אבילי ציון וירושלים און מען זאל מער נישט וויסען פון קיין צער אמן

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הגליון יוצא לאור לזכר ולעילוי נשמת
הילדה היקרה רחל ע"ה
בת יבלחט"א
מוה"ר ר' אלעזר יוסף שיחי',
נפטרה כ"ג אדר ב' תשפ"ד לפ"ק,
ת.נ.צ.ב.ה.

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

**ברכת מזלא טבא וגדיא יאה**

**אל מול הדרת קודש, מורה דרכינו ומאיר נתיבותינו**

**כ"ק מרן אדמו"ר מקאסאן שליט"א**

**על ישראל הדרתו בעיר לעיקוואד יצ"ו**

לרגל השמחה הכפולה במעונו

שמחת נישואי נכדתו הכלה החשובה שתחי'

**בת בנו הרב משה שמואל הלוי שליט"א**

**חתן אבד"ק ווייטצען - שיקאגא שליט"א**

עב"ג החתן המופלג תורה ויר"ש הרב אברהם יהושע העשיל שיחי'

**בן אבד"ק קאזניץ שליט"א**

**נכד אדמו"ר מקאסוב זיע"א ונין לאדמו"ר מנאראל שליט"א**

**ולרגל שמחת לידת הבן אצל חתנו**

**הרב מרדכי טויב שליט"א**

**בן אבד"ק קאליב שליט"א**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת!**

יזכו הבעלי שמחה שיחי' לראות הרבה נחת דקדושה מכל יוצ"ח והזיווג יעלה יפה יפה לתפארת המשפחות המפוארות למעלה בקודש, שפע ברכה והצלחה, שמחה וכטו"ס אכי"ר.

קהל חקל ישראל קאסאן

# הילולא דצדיקיא

## הרה"ק רבי יהושע מדזיקוב זיע"א

## נסתלק י"א טבת תער"ג לפ"ק

די וואונדערליכע מעשה האט דערציילט א אידישער דוקטור פון לעמברג וואס איז געווען דער וואס איז געשטאנען דערביי ווען מ'האט אפערירט דעם צדיק הרה"ק ר' יהושע פון דז'יקוב זצוק"ל:

רבי יהושע זי"ע איז א טאג שטארק קראנק געווארן, דוקטורים וואס האבן איהם באטראכט האבן פעסט געשטעלט אז די קרענק איז ל"ע א אינעווייניגסטע קראנקהייט וואס מען מוז אדורכפירן א שווערע אפעראציע, אנדערש וועט די מחלה זיך נישט אויסהיילן.

זיי, די דוקטורים אין דז'יקוב האבן זיך נישט געקענט אונטערנעמען אזא אפעראציע צו מאכן, און האבן איהם דעריבער געראטן ער זאל פארן קיין לעמברג דארט אין דעם גרויסן שפיטאל וועט איהם דער פרופסור אפערירן.

דער דז'יקוב'ער זי"ע האט קיין ברירה נישט געהאט און איז געפארן קיין לעמברג, ער איז אריין צום גרויסן פרופסור, און האט איהם דערציילט פון זיין מחלה און פון די שווערע יסורים וואס ער האט, און אז דוקטורים האבן פעסט געשטעלט אז מען מוז אפערירן.

דער פרופסור האט איהם גוט אונטער געזוכט, און אויך געקומען צו די זעלבע מסקנא אז צו די קראנקהייט דארף מען מאכן א אפעראציע, און האט צום דז'יקוב'ער אזוי געזאגט:

**חשוב'ער ראבינער! איך מוז אייך קלאר און דייטליך אלס זאגן, און איהר דארפט זיך באשליסן דעם וועג וואס און ווי אזוי צו טאן.**

**למעשה** - פירט אויס דער פרופסור זיינע ווערטער - **איז אייער מחלה נישט קיין מסוכנ'דיגע צום לעבן ח"ו, אבער עס וועט דורך גיין דער לעבן מיט שרעקליכע יסורים, דאס איז ווייל א אינעווייניגסטער אבר דריקט אויף א נערוו, די יסורים אן א אפעראציע וועט קיינמאל נישט בעסער ווערן, מיט די אפעראציע וועט מען באפרייען דעם נערוו און די שמערצן וועלן מער נישט זיין, אבער אין די צווייטע זייט דארף מען נעמען בחשבון אז די אפעראציע אליין איז זייער א שווערע און א מסוכנ'דיגע – דאס מיינט אז די אפעראציע איז מער מסוכן ווי די מחלה, און דעם באשלוס דארף דער ראבינער אליין ביי זיך מאכן, און ווי אזוי ער וועט באשליסן וועל איך טאן, און האף אז מיט גא-ט'ס הילף וואס איך גלויב אין איהם, וועט פירן צו גוטנ'ס.**

**אמת** - רופט זיך אן דער דז'יקובער זצוק"ל - **אז אויף מיינע יסורי הגוף וואס איך האב, וואלט מיר נישט געאהרט, ווען נישט זיי זענען געבונדן מיט יסורי הנפש וואס שטערן מיר פון דאווענען און פון לערנען, און אויב עס שטערט מיר אין עבודת הבורא איז "למה לי חיים"? - דעריבער! –** פירט אויס דער דז'יקובער - **באשליס איך אדורך צו גיין די אפעראציע –** און האט אויסגעפירט: **"אשר בידו נפש כל חי ורוח כל בשר איש".**

דער פרופסור האט באשטימט א טאג ווען די אפעראציע וועט פארקומען, און דאן רופט זיך אן דער דז'יקובער צום פרופסור: **איז די אפעראציע אליין פארבונדן מיט ספיציעלע יסורים ?**

**א וודאי און א וודאי!** - איז געווען דער ענטפער פון פרופסור: - **אזעלכע יסורים וואס א מענטש קען זיי נישט אויסהאלטן, די יסורים זענען אסאך מערער פון די יסורים וואס דער ראבינער האט פון די מחלה, אבער די יסורים וועט דער חשוב'ער ראבינער נישט שפירן וויל אויף דעם האבן שוין די לעצטע ערפינדונגען פון די רפואה געפונען א וועג אז א מענטש זאל זיי גענצליך נישט פילן, מיר שלעפערן איין דעם קראנקן מיט א נארקאזע, און בשעת די אפעראציע איז דער קראנקער אזוי שטארק פארשלאפן אז זיין וויסן איז נישט ביי איהם.**

**און דאן קענען די דוקטורים טאן מיטן פאציענט אלס וואס מען דארף זייענדיג זיכער אז ער פילט נישט קיין שמערצן, נאר יעצט ווען ער וועט זיך אויפכאפן א פאר שעה שפעטער וועט ער פילן קליינע יסורים וואס מ'קען זיי אויסהאלטן, אויך דאן איז פאראן בארוהיגונג'ס מיטלען וואס פארגרינגערן די שמערצן.**

דער דז'יקובער האט זיך אויף א ווײלע שטארק פארטיפט, ווען דער פרופסור און דער דוקטור - דער דערציילער פון די מעשה וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען ביים שמועס - האבן באמערקט אז עפעס זיינע מחשבות זענען העכער, הימלדיגע, זיין פנים איז געווען פארפלאמט, און נאך א קורצע שטילקייט האט ער זיך אנגערופן:

**א אפעראציע יא! אבער א שלאף געטראנק - אנארקאזע - בשום אופן נישט! איך וועל נישט ערלויבן מען זאל פון מיר צונעמען דעם דעת וואס הקב"ה האט מיט דעם, מיר געשענקט, אפילו אויף איין מינוט. מ'טאר זיך דאך פון הקב"ה זיך נישט מסיח דעת זיין אפילו אויף א סעקונדע, און ווי איהר פרופסור זאגט, ווערט דער דעת צוגענומען פון מענטשן אויף א פאר שעה, דאס וועל איך נישט דערלאזן!**

**חשוב'ער ראבינער!** - שרייט אויס דער פרופסור - **איהר וועט דאך נישט פארלאנגען פון מיר אז איך זאל צו גיין אייך שניידן און א דורך מאכן אזא שווערע אפעראציע וואס דארף נעמען עטליכע שעה ווען איהר וועט פאר מיר ליגן מיט שרעקליכע אויסער ווי געוויינטליכע יסורים, עס איז דאך אומעגליך !**

**חשוב'ער פרופסור!** - רופט זיך אן דער דז'יקובער:

**איהר האט מיר אלס פאציענט געגעבן אויס צו קלייבן דעם וועג ווי זיך צו פירן און איך האב אנגענומען דעם וועג פון זיך יא אפערירן, האב איך דעם זכות צו זאגן ווי אזוי מ'זאל די אפעראציע א דורך פירן, און איך זאג קלאר אפעראציע יא! א נארקאזע נישט!**

**און איך בין פאראנטווארטליך אויף מיינע יסורים, איך זאג צו דעם פרופסור, אז מיטן הילף פון אונזער גא-ט, דער בעל הרחמים, וועל איך די יסורים אויסהאלטן און דער פרופסור וועט פון מיין זייט נישט פילן קיין שטערונג אין זיין ארבעט פונקט אזוי ווי איך וואלט געווען פארשלאפן. מיין דעת וועל איך נישט אוועקגעבן אפילו אויף איין מינוט!** - האט אויסגעפירט הרה"ק ר' יהושע...

דער טאג פון די אפעראציע איז געקומען, און דער פרופסור האט געלאזט וויסן זיינע אלע העלפער'ס אז היינט שטייט פאר זיי א דורכגאנג פון א שווערע אפעראציע וואס וועט ווערן א דורך געמאכט מיט וואונדער, דער פאציענט איז א חשוב'ער ראבינער וואס וויל בשום אופן ביי די אפעראציע נישט זיין פארשלאפן.

אלס איז צוגעגרייט געווארן, דער צדיק איז אריין געקומען אנגעשפארט אויפן גבאי'ס האנט און האט זיך אויפן בעט פון צימער אוועק געלייגט גרייט צו מקבל זיין די יסורים באהבה.

צום וואונדער פון פראפעסאר און דאקטאר, און אזוי אויך די אלע העלפער'ס וואס זענען געשטאנען אין צימער, האט זיך דער דז'יקובער פארקוקט אויף א פונקט אין דעם צימער און האט דעם מוח פארנומען אין א טיפע מחשבה פון א יחוד.

דער פראפעסאר האט זיך געפארעט מיט הייליגן קערפער פונקט אזוי ווי דער צדיק וואלט געווען פארשלאפן, כאטש נאטורליך וואלט ער געדארפט האבן אזעלכע יסורים וואס איז נישט מעגליך אויס צוהאלטן און האט זיך געדארפט ווארפן פון יסורים, האט מען אויפן רבי'ן קיין סימן פון יסורים נישט געזעהן.
דעם פראפעסאר מיט די אלע ארום האט ארום גענומען א שווייס זיי האבן נישט געקענט גלייבן אז דער פאציענט לעבט און האבן אנגעהויבן קלערן ווער ווייסט צו איז ער שוין נישט אויף די וועלט?

יעצט נאך דעם ענדיגן די אפעראציע האט דער דז'יקובער מיט זיינע אויגן געוויזן אז ער איז פון זיין דביקות צוריק געקומען צו זיך און האט דעם פראפעסאר באדאנקט פאר זיין געטרייע ארבעט.

נאך דעם וואס אלס האט זיך געענדיגט האט דאן דער גוי'אישער פראפעסאר צוזאמען גערופן די אלע וואס זענען געשטאנען ביי די וואונדערלינע א אפעראציע, צווישן זיי אויך דער אידישער דאקטאר - דער דערציילער פון די מעשה שפעטער - און האט צו זיי אזוי געזאגט:
**דער טאג דארף ווערן גוט איינגעקריצט ביי אונז אלעמען אין זכרון ווען מיר אלע זענען ביי־געשטאנען ביי א וואונדערליכע געשיכטע, אז א מענטש קען זיין ווילן - זיין רצון – צובינדן רוחניות'דיג צום הימל און זיך קענען באהערשן אויף די שרעקליכסטע יסורים ווען ער גיט זיך איבער צו גא-ט אין די הענט!**

# זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן!

**לקיים בנו חכמי ישראל לבריאות הגוף והנפש בשלימות בתשה"י אמן:**
מרן משה בן ריזל שליט"א **[מקאלוב]**. מרן דוד בן סימא מירל שליט"א **[מוויזניץ - לאנדאן]**. מרן שמואל יעקב בן יענטא שליט"א **[מתולדות אברהם יצחק]**. מרן ישראל בן לאה אסתר שליט"א **[מוויזניץ]**.

| פרשת ויחי - שמות | ש"ק – י"א טבת | יום א' – י"ב | יום ב' – י"ג | יום ג' – י"ד | יום ד' – ט"ו | יום ה' – ט"ז | עש"ק – י"ז |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| **הילולא דצדיקיא** | רבי משה אוסטרר זיע"א<br>בעל ערוגת הבושם<br>רבי שלמה אייגער זיע"א אבד"ק קאליש<br>רבי אלכסנדר מקאמארנא זיע"א<br>רבי יהושע מדזיקוב זיע"א<br>העטרת יהושע<br>רבי דוד מזלאטיפאלי זיע"א<br>רבי יעקב יוסף שלמה מוואסלוי זיע"א | רבי משה הלוי מפשעווארסק זיע"א<br>האור פני משה<br>רבי מרדכי חיים סלונים זיע"א<br>ר' מאטיל סלונימער<br>רבי אברהם מזוועהיל זיע"א | רבי משה מלעלוב זיע"א<br>רבי שרגא פייביש מזעלישטשיק זיע"א<br>רבי מנחם מענדל מווישווא זיע"א<br>רבי יצחק הכהן הוברמן הצדיק מרעננה זיע"א | רבי אברהם יוסף מפילוב - קאצק זיע"א<br>רבי אלתר מלעלוב זיע"א | רבי רפאל מבערשיד זיע"א<br>רבי חיים מרדכי מנדבורנא זיע"א | רבי אלעזר רובין מסאסוב זיע"א<br>רבי מרדכי שרגא מבאיאן - טשערנוביץ זיע"א<br>רבי יונה הלוי פארסט ראש ישיבת נייטרא זיע"א<br>רבי חיים קרייזווירטה אבד"ק אנטווערפען זיע"א | רבי יעקב קראנץ זיע"א<br>המגיד מדובנא<br>רבי אפרים פישל מסטריקוב זיע"א<br>רבי ארי' לייב מווישניצא זיע"א<br>הארי' דבי' עילאי<br>רבי פנחס עפשטיין זיע"א<br>ראב"ד ירושלים עיה"ק תובב"א<br>רבי אהרן משה מחוסט זיע"א |